**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 2/23/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט אויסוואהל פון סאראטאגע קאונטי איינוואוינער אלץ קאמאנד טשיעף פון די ערשטע לופטוואפע איינהייט

***קאמאנד טשיעף מעסטער סארדזשענט דעני ריטשארדסאן צו דינען אלץ הויכראנגיגע דינענדע ראטגעבער פאר דעם קאמאנדיר פון די 15,000-מיטגליד ערשטע לופטוואפע איינהייט וואס איז פאראנטווארטליך פאר קאנטראל פון די לופט און לופט פארטיידיגונג פון די פאראייניגטע שטאטן אויפן טרוקעניש***

***די ערשטע לופטוואפע איינהייט האלט אויך די פליכטן פון די צפון אמעריקאנער לופט פארטיידיגונג קאמאנד, די קאנאדישע-פאראייניגטע שטאטן קערפערשאפט וואס איז פאראנטווארטליך פאר די לופט פארטיידיגונג פון צפון אמעריקע***

***טשיעף ריטשארדסאן האט געדינט אלץ דער הויכראנגיגער דינענדע ראטגעבער פאר דעם קאמאנדיר פון די ניו יארק נעשענעל גאַרד לופטוואפע זינט 2020***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז די ניו יארק נעשענעל גאַרד'ס הויכראנגיגע דינענדע פירער, קאמאנד טשיעף מעסטער סארדזשענט דעני ריטשארדסאן, איז אויסדערוועהלט געווארן צו דינען אלץ דער קאמאנד טשיעף פאר די 15,000-מיטגלידער ערשטע לופטוואפע איינהייט. הויפטקווארטירט אין פאנאמע סיטי, פלארידע, איז די ערשטע לופטוואפע איינהייט פאראנטווארטליך פאר קאנטראל און לופט פארטיידיגונג פון די פאראייניגטע שטאטן אויף די אמעריקאנע יבשה, און עס האלט די פליכטן פון די צפון אמעריקאנער לופט פארטיידיגונג קאמאנד וואס איז די געמיינזאמע קאנאדישע-פאראייניגטע שטאטן קערפערשאפט וואס איז פאראנטווארטליך פאר די לופט פארטיידיגונג פון צפון אמעריקע.

"טשיעף ריטשארדסאן'ס קאריערע איז די אולטימאטיווע פובליק דינסט, און איך בין שטאלץ אים צו רופן א ניו יארקער שכן", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "זיין ערפארונג דינענדיג אלץ א מיטגליד פון די לאנד'ס גרעסטע נעשענעל גאַרד לופטוואפע און די קלוגע ראט וואס ער האט געגעבן פאר איר קאמאנדיר האט אים געמאכט אייגנארטיג קוואליפיצירט פאר די דזשאב. די ערשטע לופטוואפע איינהייט פון די לאנד וועט זיין אין גוטע דינסט פון אים אין די קריטישע ראלע."

זייענדיג אן איינוואוינער פון סקיילערוויל, סאראטאגע קאונטי, האט טשיעף ריטשארדסאן געדינט אלץ דער הויכראנגיגער דינענדע ראטגעבער פאר דעם קאמאנדיר פון די 5,880-מיטגלידער ניו יארק נעשענעל גאַרד לופטוואפע זינט 2020. אין זיין ראלע האט ער געגעבן ראט פאר די לופטוואפע'ס קאמאנדירין, מעידזשאר גענעראל דעניס דאנעל, אויף אנגעלעגנהייטן ווי טרענירונג, גרייטקייט און מאראל פון סאלדאטן. טשיעף ריטשארדסאן וועט יעצט אנהויבן זיין נייע פאסטן אין אפריל, אונטערגעווארפן צו ערשטע לופטוואפע איינהייט קאמאנדיר ליוטענאנט גענעראל סטיווען נאָרדהאַוז, און ער וועט דינען אלץ קאמאנד טשיעף פאר דריי יאר. דער ערשטע לופטוואפע איינהייט קאמאנדיר האט

אויסגעקליבן דעם קאמאנד טשיעף נאכן אינטערוויואירן קוואליפיצירטע אפיצירן וועלכע זענען נישט קאמישענד פון אריבער די לאנד פאר דעם פאסטן.

**די עדזשוטענט גענעראל פון ניו יארק, מעידזשאר גענעראל רעי שיעלדס, האט געזאגט,** "קאמאנד טשיעף מעסטער סארדזשענט דעני ריטשארדסאן איז אן אקטיווער פירער וואס האט געהאט א געוואלדיגע השפעה דורכאויס זיין קאריערע אין די ניו יארק נעשענעל גאַרד נעשענעל גארד. איך בין זיכער אז ער וועט מאכן א געוואלדיגע ארבעט אלץ דער הויכראנגיגער דינענדער ראטגעבער פאר די ערשטע לופטוואפע איינהייט."

טשיעף ריטשארדסאן האט געדינט אין די נעשענעל גאַרד לופטוואפע פאר 34 יאר, אין מערילענד בעפארן זיך אריבערציהען צו ניו יארק. ניו יארק'ס נעשענעל גאַרד לופטוואפע איז די לאנד'ס גרעסטע, מיט פינף פליהענדע פליגלען, די מזרח לופט פארטיידיגונג סעקטאר און פיר געאגראפיש אפגעטיילטע איינהייטן. דינענדיג אלץ איר קאמאנד טשיעף האט אים גוט צוגעגרייט פאר די ראלע מיט די ערשטע לופט וואפע איינהייט וואס איז פינף מאל אזוי גרויס ווי ניו יארק'ס נעשענעל גאַרד לופטוואפע.

בעפארן זיין ראטגעבער פאר גענעראל דאנעל און איר פארגייער, מעידזשאר גענעראל טים לאבאַרדזש, האט ער געדינט אין די 109'טע לופטוואפע פליגל וואס איז פאראנטווארטליך פארן אויסשטאטן פארשונג איינריכטונגען אין אנטארקטיקע און גרינלאנד. טשיעף ריטשארדסאן איז ארויסגעשיקט געווארן צו אנטארקטיקע 15 מאל, און ער האט אויך געדינט אלץ א קאמף טור אין אפגאניסטאן. ער און זיין ווייב האבן צוויי ערוואקסענע זין.

###

נאך נייעס איז דא צו לייענען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו קאמער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן